גליון קט"ו
סיון תשפ"ה

וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ

# גליון על הַמָּזוֹן

מטרתו לעורר את גודל מעלת אמירת ברכת המזון בכוונה

כך מקובל אני מרבותי ישמרם א-ל **שכל הזהיר בברכת המזון מזונותיו מצויין לו בכבוד כל ימיו**

(ספר החינוך מצוה ת"ל)

כותב העטרת זקנים אדם המברך ברכת המזון **מתוך הכתב בדקדוק ובכוונה** מסלק מעצמו צרות רבות ואסונות ל"ע.

"מצאתי למה אין אות פ"א סופית (**ף**) בברכת המזון לפי שכל מי שבירך ברכת המזון בכוונה, אין שולט בו לא חרון א**ף** ולא שצ**ף** ולא קצ**ף**, ולא אנ**ף** ולא אג**ף** ומזונותיו מצויין לו ברווח ובכבוד על ימיו".

("באר היטב" או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ה אות א' - ספר הרוקח סימן של"ז)

# "קבלת התורה" דורך "ברכת המזון"

**לכבוד דער חשוב'ע ארויסגעבער פון דעם גליון על המזון**

אלס א שטענדיגע ליינער פון אייער גליון שוין אסאך יארן צום גוטן, און אלס מקשיב צו דעם בארימטן שיעור דורך הרה"ג ר' אברהם מרדכי מלאך שליט"א וועלכע האט לעצטענס אנגעהויבן איבערצוגעבן גאר אינהאלטסרייכע שיעורים אין דעם ענין פון "ברכת המזון", האב איך מורא'דיג שטארק הנאה געהאט אז פאריגן חודש האבן זיך אט די צוויי הערליכע שיינע קוועלער פון חיזוק איבער דעם ענין פון ברכת המזון זיך צוזאמגעטראפן און איר האט נאכגעברענגט דעם שיינעם משל פון הרה"ג ר' אברהם מרדכי שליט"א, און מוסיף געווען, און עטליכע טעג שפעטער האט טאקע הרב מלאך זעלבסט נאכגעזאגט דעם הוספה פון אייער גליון, מזל טוב צום הערליכן "געבענטשטן" שידוך...

און אז איר האט נאכגעברענגט א שיין ווארט פון ר' אברהם מרדכי האב איך געטראכט נאכצוברענגען נאך א גאר שיינע געדאנק וואס ער האט נאכגעברענגט און איז גאר צוגעפאסט צו דער הייליגע יום טוב פון קבלת התורה וואס קומט אצינד צו גיין.

ר' אברהם מרדכי האט געפרעגט במתק לשונו: וועלכע איד וויל דען נישט זוכה זיין אנצוקומען מקיים צו זיין כל התורה כולה? אז מ'וועט פרעגן א איד וועלכע מצוה ער וויל מקיים זיין, וועט ער גלייך ענטפערן: אלעס! אלזא, מיט'ן בענטשן ברכת המזון בכוונה קען מען דערצו אנקומען.

עס שטייט אין "ילקוט שמעוני" א מורא'דיגע לשון: "**אמר הקדוש ברוך הוא אם אכלת ואמרת ברוך אתה ה' כאילו קיימת את כל התורה כולה, דכתיב "ואכלת ושבעת וברכת" וסמיך ליה "כל המצוה אשר אנכי מצווך היום"**.

דער מדרש זאגט דא הפלא'דיגע ווערטער, אויב ביסטו מקיים די הייליגע מצוה פון ברכת המזון, איז דאס כאילו דו ביסט מקיים די גאנצע תורה!

ווי פאסיג איז דאס יעצט אין דעם הייליגן יום טוב שבועות, ווען יעדער איד זוכט מקבל צו זיין און מקיים צו זיין די הייליגע תורה, אוודאי איז דאך אסאך בעסער ווען מ'קען פיזיש מקיים זיין ווי מער מצות, אבער דאך זענען פארהאן אסאך מצוות וואס איז נישט שייך פאר יעדן צו טוהן, צי מצוות התלויות בארץ, מצוות וואס זענען נאר שייך געווען בזמן שבית המקדש היה קים, מצוות וואס זענען נאר נוגע פאר כהנים און לווים וכו' וכו', דא האסטו דער געוואלדיגער געלעגנהייט מקיים צו זיין די גאנצע תורה, ווען דו וואשט זיך צו המוציא און די בענטשט ברכת המזון ביסטו מקיים די גאנצע תורה!

ר' אברהם מרדכי האט אויך צוגעלייגט א געוואלדיגע רמז פון דעם הייליגן חיד"א, אז דאס ווארט "**בראשית**", דער ערשטער ווארט פון די הייליגע תורה איז ראשי תיבות: "**בקול רם אברך את שם ה' תמיד**", שוין גלייך אנהויב דעם הייליגן תורה איז שוין מרומז דער ענין פון ברכת המזון צו דאנקען און לויבן דעם הייליגן באשעפער!

אלזא טייערע אידן, אין דעם הייליגן יום טוב שבועות, דער טאג פון "קבלת התורה" לאמיר מאכן אונזער השתדלות פאר קבלת התורה דורכ'ן זיך מקבל זיין צו בענטשן מדי יום ביומו, אזוי וועט איר זוכה זיין צו א קבלת התורה יעדן איינציגסטן טאג, און זייט זוכה צו די אומשאצבארע זכות.

און צום שלוס וויל איך מקיים זיין דעם "אל תמנע טוב מבעליו" און מציע זיין פאר אלע חשוב'ע "על המזון" ליינערס זיך איינצושרייבן פאר די הערליכע שיעורים אויף ברכת המזון פון הרה"ג ר' אברהם מרדכי שליט"א אויפ'ן טעלעפאן סיסטעם פון "מכון אלמדה" דורכ'ן רופן **718-820-7720**, איך בין זיכער אז עס וועט האבן אויף אייך א שטארקע השפעה, גענוי ווי עס האט משפיע געווען אויף מיר.

א גרויסן יישר כח

א שטענדיגע על המזון ליינער און אלמדה מקשיב

למי שיש סיפורים, עובדות, מאמרים ודברי תורה בגודל מעלת אמירת ברכת המזון בכוונה
או להערות והארות אפשר לפנות למייל: AlHamuzoin@gmail.com

**נתנדב לעילוי נשמת כ"ק מרנא ורבנא**

הרבי ר' ברוך ב"ר יחיאל מיכל זי"ע ממעזבוש - הרבי ר' מנחם מענדל ב"ר יוסף זי"ע מרימנוב - הרבי רבי אלימלך ב"ר אלעזר ליפמאן זי"ע מליזענסק
רבי לוי יצחק בן שרה סאשא זי"ע מבארדישטוב - רבי ישראל דוב בער ב"ר יוסף זי"ע מוועלעדניק - רבי ישכר בער בן ר' יצחק זי"ע מראדשיץ
רבי נחמן בן שמחה בן פייגא זי"ע מברסלב - רבי ישראל מאיר בן ר' אריה זאב זי"ע בעל ה'חפץ חיים" - רבי משולם פייש בן רבי מרדכי בן צירל זי"ע מטאהש
הרבי ר' ישעי' ב"ר משה זי"ע מקערעסטיר - רבי שלום ב"ר מרדכי יוסף משה זי"ע משאץ - רבי אליעזר שלמה ב"ר מנחם זאב זצ"ל
רבי יעקב חיים ישראל רפאל בן רבי יצחק ושרה אלפייה זצ"ל